**אויף באלדיגע פובליקירונג:** 9/21/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל אנאנסירט עפענונג פון א נייע 20 מיליאן דאלארדיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין סקענעקטעדי**

***'רענעסאַנס סקווער אפארטמענטס' טראנספארמירט היסטארישע לאנג-פארשלאפענע סעינט מארי שולע און ברענגט 55 ביליגע היימער צו סקענעקטעדי***

***דעוועלאפמענט איז ממשיך אויפלעבונג פון סקענעקטעדי'ס איסטערן עוועניו געגנט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון 'רענעסאַנס סקווער אפארטמענטס', א 20 מיליאן דאלארדיגע ביליגע האוזינג דעוועלאפמענט אין סקענעקטעדי'ס איסטערן עוועניו געגנט. די פראיעקט האט גענומען די היסטארישע סעינט מארי שולע און געבויט דארט 25 אפארטמענטס, און עס האט געבויט נאך א געביידע מיט 30 אפארטמענטס, שאפנדיג הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן אין סקענעקטעדי און העלפנדיג דאס אויפלעבונג פון די שטאט.

"שווער ארבעטנדע ניו יארקער דארפן האבן א פלאץ וואו זיי קענען וואוינען פאר פרייזן וואס זיי קענען זיך ערלויבן אין א זיכערע און ציהענדע געגנט, מיט צוטריט צו די קאמיוניטי סערוויסעס אויף וועלכע זיי קענען זיך פארלאזן כדי צו קענען בליהען", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "דורכן איבערנוצן די היסטארישע סטרוקטור דורכן עס צופאסן פאר די 'רענעסאנס סקווער אפארטמענטס' טוהען די אפארטמענטס ארייננבלאזן א נייע חיות אין די לאנג-פארשלאפענע שטיקל פון סקענעקטעדי'ס איסטערן עוועניו געגנט, ברענגנדיג מיט זיך ביליגע היימער וועלכע וועלן העלפן ממשיך זיין די מערקווירדיגע טראנספארמאציע וואס די שטאט איז אריבערגעגאנגען אין די לעצטע יארן."

די סעינט מארי שולע איז צום ערשט געבויט געווארן אין די 20'סטע יאר-הונדערט אויף 104 אירווינג סטריט, און עס איז פארמאכט געווארן אין 1979 און געווארן אין א פארנאכלעסיגטע צושטאנד. דאס איבערמאכן די געביידע צו 25 אפארטמענטס איז אויספלאנירט געווארן אין א וועג וואס וועט היטן אויף די סטרוקטור'ס אריגינעלע ארכיטעקטורישע עלעמענטן, אריינרכענענדיג די דרויסנדיגע רונדעכיגע פענסטער און ציגל ווענט.

דריי ליידיגע קאמערציעלע געביידעס ביי 817, 819 און 823 איסטערן עוועניו זענען צווארפן געווארן און ערזעצט געווארן מיט א נייע צוויי-שטאקיגע געביידע מיט 30 אפארטמענטס אין זיך. צוזאמען וועט 'רענעסאנס סקווער' האבן זעקס סטודיא אפארטמענטס, 44 איין-שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס, און פינף צוויי-שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס. אלע 55 אפארטמענטס וועלן זיין גענוג ביליג פאר משפחות וועלכע פארדינען 80 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income).

זעהט בילדער פון 'רענעסאנס סקווער אפארטמענטס.

יעדע אפארטמענט האט מעבל וואס קומט נאך די Energy Star סטאנדארט, קאנטראלירבארע הייצונג און קילונג סיסטעמען און סטארעדזש. נאך איינריכטונגען רעכענען אריין א קאמיוניטי צימער, א דזשים, איינריכטונגען צו וואשן וועש און אן אינעווייניגע סטארעדזש פאר ביציקלעך.

די דעוועלאפמענט שטאב באשטייט פון Better Community Neighborhoods, Inc (בעסערע קאמיוניטי געגענטער, BCNI) און Home Leasing, LLC (היים ליסינג) אלץ קאָו-דעוועלאפערס און Betts Housing Partners (בעטס האוזינג שותפים) אלץ די האוזינג קאנסאלטענט.

סטעיט פינאנצירונג פאר 'רענעסאנס סקוועיר אפארטמענטס' רעכנט אריין פעדעראלע און סטעיט נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 16 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 296,000$ אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל ( Homes and Community Renewal, HCR). די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) האט געשאנקען פעדעראלע און סטעיט טעקס קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 3.2 מיליאן דאלאר אין עקוויטי. די קעפיטעל רידזשען לענד באנק האט געגעבן 400,000$.

**HCR קאמישאנער רוּט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "אונזער אינוועסטירונג אין די 20 מיליאן דאלארדיגע 'רענעסאנס סקוועיר אפארטמענטס' איז א המשך פון די סטעיט'ס באמיאונגען צו גיבן באנייטע כוחות פאר סקענעקטעדי דורך נייע ביליגע הייזער און פארברייטערטע סערוויסעס. די הונדערט יאריגע סעינט מארי שולע איז געווארן א שטאך אין אויג און א סכנה אבער די טראנספארמאציע פון די געביידע איז א מוסטער פון וואס מיר קענען ערגרייכן ווען מיר ארבעטן צוזאמען מיט לאקאלע קערפערשאפטן צו לייזן פראבלעמען און נאכקומען די קאמיוניטי'ס אייגנארטיגע געברויכן. דורך אונזער צוזאמענארבעט מיט Better Community Neighborhoods, Inc און מיט Home Leasing, וועלן די 55 נייע היימער פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר סקענעקטעדי'ס פאמיליעס, און עס וועט אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס אין די איסטערן עוועניו געגנט."

'רענעסאנס סקוועיר אפארטמענטס' איז טייל פון די סטעיט'ס פרעצעדענטלאזע 20 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע האוזינג פלאן. די היימער און קאמיוניטי רינוּעל איז אין איר לעצטע יאר פון די פלאן, וועלכע מאכט האוזינג צוגענגליך און באקעמפט היימלאזיגקייט דורכן בויען און אויפהאלטן מער פון 100,000 יוּניטס פון ביליגע האזוינג און 6,000 יוּניטס פון שטיצנדע האוזינג. זינט 2011 האט די אגענטור אינוועסטירט 490 מיליאן דאלאר אין דעם הויפטשטאט ראיאן צו בויען אדער אויפהאלטן קרוב צו 5,600 ביליגע היימער.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג קאמישאנער עריק קולעסייד האט געזאגט,** "די 'רענעסאנס סקוועיר אפארטמענטס' זענען צום ערשט געבויט געווארן אין 1913 צו דינען אלץ א שולע פאר די סעינט מארי ראמענישע קאטאלישע קירכע געמיינדע. אויסגערעכנט צווישן די סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטרארן אין 2017, טוט די געוועזענע שולע פארטרעטן די וואוקס און שטאלץ פון א פוילישע אימיגראנטן קאמיוניטי פון די אנהויב פון די 20'סטע יאר-הונדערט וואס איז געקומען קיין סטענעקטעדי צו ארבעטן אין די פארנומענע פאבריקן פון דזשענעראל עלעקטריק. מער פון 100 יאר שפעטער איז די פלאץ ווידער אויפגעלעבט געווארן ווידעראמאל צו דינען איר קאמיוניטי, און עס האט אויסגענוצט די היסטארישע טעקס קרעדיט פראגראמען צו אויפהאלטן די פלאץ פאר די בענעפיט פון די צוקונפטיגע דור."

**סקענעקטעדי מעיאר גערי מעקקאַרטי האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנסירונג איז א גרויסע ערריייכונג אין אונזערע אויפלעבונג באמיאונגען לענגאויס די איסטערן עוועניו לאנד. בלויז אין די לעצטע צוויי יאר האט די האלבע מייל אין די לענג, פון לאנדאן טערעס ביז עלמער עוועניו, געזעהן א ווירבלנדע

טראנספארמאציע מיט איבער צען לעצטנס פארענדיגטע אדער אנגייענדע ארטיגע אויפלעבנוג אונטערנעמונגען. אין די נאמען פון סקענעקטעדי סיטי וויל איך באדאנקען אלע אונזערע געוואלדיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג שותפים וועלכע זענען פארמישט אין די אונטערנעמונג צו שטיצן פארשריט אין אונזער קאמיוניטי."

**BCNI באָורד פרעזידענט טשעד קילבאָורן האט געזאגט,** "'רענעסאנס סקוועיר' צייכנט אפ די אנהויב פון BCNI מיטן אויספירן אונזער חזון, און עס איז די שוואונג ארייגעבערענגט אין קראפט דורך אונזער שותפות אנגייענדיג מיטן אינוועסטירן אין סקענעקטעדי'ס געגנטער און אין די מענטשן וועלכע וואוינען דארט אין די כסדר'דיג וואקסנדע קאפאציטעט, און אין צוזאמענארבעט צווישן מערערע סעקטארן פון אונזער קאמיוניטי. עס איז אונז אן עהרע צו זיין א טייל פון אזא גרויסע צוזאמענארבעט פון איבערגעבענע מענטשן מיט די שטיצע פון אונזערע לאקאלע רעגירונגען, פאונדעישענס און נישט-פאר-פארדינסט אדער פאר-פארדינסט קאלעגען פאר די אנגייענדע פארשריט פון אונזער קאמיוניטי."

**CEO פון Home Leasing ברעט גערוואד האט געזאגט,** "'רענעסאנס סקוועיר' רוקט ווייטער די ציהל צו בויען ביליגע הייזער אין סקענעקטעדי, ניו יארק, און Home Leasing איז פרייליך צו אנטיילנעמען אין די באגייסטערנדע אונטערנעמונג צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן. דאס אויפהאלטונג פון די אלטע סעינט מארי שולע און די ניי-געבויטע אפארטמענט געביידע אויף איסטערן עוועניו וועט צולייגן נאך 55 ווארעמע אפארטמענטס פאר איינוואוינער. א דאנק צו אונזערע לאקאלע קאמיוניטי דעוועלאפער, BCNI, ניו יארק סטיעט הייםער און קאמיוניטי רינוּעל, און אלע אונזערע מיטארבייטער אין די קאמיוניטי."

**אסעמבלימאן אנגעלאו סענטעבארבארע האט געזאגט,** "דאס פארענדיגונג פון די 'רענעסאנס סקוועיר אפארטמענטס' איז ווירקליך א טראנספארמאציע, אויפלעבנדיג לאנג-פארלאזטע פראפערטיס מיט ביליגע הייזער פון א הויכע קוואליטעט פאר שטאט איינוואוינער. די פראיעקט וועט פארזיכערן אז מער פאמיליעס קענען בלייבן און זיך איינווארצלען דא אין סקענעקטעדי, צוברענגענדיג שטארקייט צו אוזער קאמיוניטי. איינוואוינער וועלכע וואוינען אין די יוּניטס זענען די רוח החיים פון אונזער שטאט. עס קומט זיך פאר זיי צוטריט צו שטיצנדע און מאדערנע הייזער, און די קאמפלעקס איז די תוצאה פון קלוגע סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען אין די קריטישע רסארס."

**סעענאטאר דזשים טעדיסקא האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די 'רענעסאנס סקוועיר אפארטמענטס' וועט גיבן פאר מער סקענעקטעדי איינוואוינער א פלאץ צו רופן זייער היים פאר א פרייז וואס זיי קענען זיך ערלויבן, און עס העלפט ממשיך זיין די באמיאונגען צו אויפלעבן און ברענגען עקאנאמישע אנטוויקלונג צו די געגנט."

**סקענעקטעדי קאונטי לעגיסלאטור דעפיוטי טשעירמאן פיליפ פיעלדס האט געזאגט,** "די נייע 'רענענסאנס סקוועיר אפארטמענטס' זענען א ווארעם-אויפגענומענע צוגאב צו די אנגייענדע ווידער-אנטוויקלונג פון די איסטערן עוועניו געגנט. מיר זענען שטאלץ פון די ראלע וואס די קאונטי האט געשפילט דורך די קעפיטעל רידזשען לענד באנק און דורך Metroplex צו ארבעטן פון די נאענט צוזאמען מיט די סטעיט צו טראנספארמירן די געוועזענע סעינט מארי שולע און א גרופע פון ליידיגע געביידעס אויף איסטערן עוועניו צו א 20 מיליאן דאלארדיגע אוצר פאר די קאמיוניטי, און אזוי אויך, הויכע קוואליטעט און ביליגע הייזער פאר אונזערע איינוואוינער."

**ניו יארק סטעיט פארבאנד פאר ביליגע האוזינג ( New York State Association for Affordable Housing) פרעזידענט און CEO, דזשאָולי מילסטיין, האט געזאגט,** "די געוואלדיגע טראנספארמאציע פון די קאמערציעלע געביידעס וועלכע זענען געווען ליידיג בעפאר און דאס פאררעכטונג פון די סעינט מארי שולע אויפצובויען 55 נייע, הערליכע און ביליגע היימער פאר

סקענעקטעדי איז אן עדות צו די כוח פון ניו יארק'ס פינף-יאריגע האוזינג פלאן. מיר גראטולירן HCR, Home Leasing, און אלע פון די פולע אנדערע שותפים וועלכע האבן ערמעגליכט דעם פראיעקט. די ניו יארק סטעיט פארבאנד פאר ביליגע האוזינג קוקט ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט די סטעיט צו דורכפירן א נייע האוזינג פלאן פאר נאך עטליכע יאר צו ערמעגליכן נאך אזעלכע פראיעקטן אזוי ווי 'רענעסאנס סקווער' אין יעדע קאמיוניטי איבער גאנץ ניו יארק."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך אויסשרייבן